**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג יאנואר אלס נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט חודש און יאנואר 18 אלס נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט טאג פון שריט**

***פאראדנט סטעיט צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין געל היינט, יאנואר 18, ביינאכט צו באעהרן קורבנות און איבערלעבער***

***ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז האלט אפ א נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט חודש סאָושעל מידיע אויפמערקזאמקייט קאמפיין דורכאויס יאנואר***

***ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז פארעפטנליכט טעכנאלאגיע זיכערהייט פאר איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן אנווייזונג ביכל צו העלפן די וואס ווערן באטראפן דורך אביוז און נאכלאקערן מיט טעכנאלאגישע מיטלען***

***לייענט פראקלאמאציע [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנערקענט יאנואר אלס "נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט חודש" און יאנואר 18 אלס "נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט טאג פון שריט" אין ניו יארק סטעיט, ארויסגעבנדיג א [פראקלאמאציע]() און פאראדענענדיג אז אלע פון די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן זאלן באלאכטן ווערן אין געל היינט נאכט, יאנואר 18, אין עהרע פון אלע וועלכע ווערן באטראפן דורך נאכלאקערן (נאכפאלגונג / 'סטאָלקינג') און אלע סארטן דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן.

"איך בין אויפגעוואקסן אין א היים וואס האט דירעקט געשטיצט איבערלעבער פון משפחה אביוז, און די איבערגעגעבנקייט בלייבט א פערזענליכע זאך פאר מיר און א וויכטיגע זאך צו פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקע פאמיליעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מאדערנע עקספערטן ווייזן אן אויף די פארבינדונגען צווישן נאכלאקערן, AI און טעכנאלאגיע-באזירטע באלעסטיגונג און צווישן משפחה און אינטימע פארטנער גוואלדטאטן, און איך בין איבערגעגעבן צו אויסברייטערן אויפקלערונג איבער די אביוזיוו, פארערגערנדע אויפפירונגען און צו אינפארסירן קאנסעקווענצן קעגן אביוזערס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָווענס, האט געזאגט,** "עס איז דא א גרויסע גרופע וואס ווערן באטראפן סיי דורך משפחה און דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן און וואס פאלן קורבנות צו נאכלאקערן, באזונדערס נאכלאקערן מיט טעכנאלאגישע מיטלען. עס איז וויכטיג אז מיר זאלן אנערקענען ווי פארשפרייט נאכלאקערן איז און צו אונטערנעמען די פאסיגע שריט צו באקעמפן די אביוז, אריינרעכענענדיג א שטארקע קאנצענטראציע אויף קאלעדזש קאמפוסן. די OPDV איז שטאלץ צו האבן פארעפנטליכט די טעכנאלאגיע זיכערהייט פאר איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע גוואלדטאטן אנווייזונג ביכל צו ארויסהעלפן קורבנות פון

נאכלאקערן און פון אלע דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון דעם חודש און פארן שטיין מיט ניו יארקע איבערלעבער."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוסאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "מיין אגענטור איז שטאלץ צו זיכער מאכן אז געזעץ אינפארסירונג פראפעסיאנאלן האבן די טרענירונג און אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו אידענטיפיצירן און ארויסהעלפן קורבנות און איבערלעבער פון נאכלאקערן, צו האלטן מענטשן וואס באגייען די פארברעכנס פאראנטווארטליך און צו שטיצן פראגראמען וואס רעדוצירן דאס צוריקפאלן צו די פארברעכן, פארשטערקערנדיג פובליק זיכערהייט פאר אלע ניו יארקער. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איר איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן אביוז אין אלע צורות, אריינרעכענענדיג משפחה אביוז און נאכלאקערן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס צייטווייליגע דירעקטאר, דזשאן וואטסאן, האט געזאגט**, "מענטשן וואס זענען געפאלן קורבן צו נאכלאקערן דארפן און קומען זיך שטיצע. די אפיס פון קורבנות סערוויסעס איז שטאלץ צו צושטעלן מיטלען און הילף פאר קורבנות און איבערלעבער פון אלע פארברעכנס, אריינרעכענענדיג נאכלאקערן, און אזוי אויך צו שטיצן זייערע פראָוויידערס. דאס רעכנט אריין פארגוטיגונג בענעפיטן צו צוריקצאלן קורבנות און איבערלעבער פאר קאסטן וואס זיי זאמלען זיך אן אלס רעזולטאט פון פארברעכן און אזוי אויך OVS'ס פינאנצירונג פון לאקאלע מיטלען ביי איבער 200 קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און אונזערע סטעיט אגענטור שותפים פאר זייערע באמיאונגען און שריט צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו דעם נושא פון נאכלאקערן, בשעת'ן פארמערן שטיצע פאר קורבנות און איבערלעבער."

סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מאָיניהען טרעין האָל
- די וועג איבער די האדסאן סטעיט פארק און פריינט פון די וועג איבער די האדסאן

די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) איז איבערגעגעבן צו באשיצן ניו יארק סטעיט קאלעדזש קאמפוסן דורך דעם 'גענוג איז גענוג' געזעץ (Enough is Enough Law). זינט 2021 האבן 'גענוג איז גענוג' קאמפוסן געזעהן א 145% העכערונג אין נאכלאקערן באריכטן פון סטודענטן. די OPDV וועט זיך אפרופן צו די העכערונג דורכן אוועקגעבן א חלק פון די 2024 'גענוג איז גענוג' צוזאמקום צו רעדן איבער נאכלאקערן און איבער וויאזוי קאמפוסן קענען העלפן אדרעסירן דעם נושא. דער 'גענוג איז גענוג' צוזאמקום איז א יערליכע באגעגעניש פון אלע 'גענוג איז גענוג' גרענט פראָוויידערס צו איבעררעדן זייערע אינדיווידואלע

פראגראמען און צו לערנען וויאזוי צו מאכן זייערע פראגראמען און סערוויסעס מער צענטרירט ארום די איבערלעבער, זיך רעכענען מער מיט טראומע און צוגעפאסט צו קולטור.

אין אנערקענונג פון נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט חודש, האלט די OPDV אפ א נאכלאקערן אויפמערקזאמקייט חודש סאָושעל מידיע אויפמערקזאמקייט קאמפיין אריבער די אגענטור'ס סאָושעל מידיע פלאטפארמעס. באזוכט די OPDV'ס Facebook, X (וואס פלעגט הייסן Twitter), Instagram און LinkedIn בלעטער פאר מער אינפארמאציע איבער נאכלאקערן און איבער וויאזוי צו געפונען הילפס-מיטלען.

פרידער דעם חודש האט די OPDV פארעפנטליכט די טעכנאלאגיע זיכערהייט פאר איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן אנווייזונג ביכל (Technology Safety for Survivors of Gender-Based Violence Guide) וואס גיבט איבער אינפארמאציע איבער וויאזוי די וועלכע זענען באטראפן געווארן פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן קענען זיך באשיצן פון אביוז וואס ווערט געטוהן נוצנדיג טעכנאלאגיע. די זיכערהייט אנווייזונג ביכל קען גענוצט ווערן דורך קורבנות און איבערלעבער פון נאכלאקערן.

די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז איז דאס לאנד'ס איינציגסטע עקזעקיוטיוו שטאפל סטעיט אגענטור געווידמעט צו די אנגעלעגנהייט פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן. די סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוז האַטליין איז אפן 24/7: 800-942-6906 (רופט), 844-997-2121 (טעקסט) אדער @opdv.ny.gov (שרייבט זיך דורך די אינטערנעט).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן